UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Oyfn Rand/ On the Margin

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/01w0n5z9

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

Author
Moshe Shklar, Moyshe Shklyar/

Publication Date
1981

Copyright Information
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

משה שקליאַר

# אויפן ראַנד

## מאיר יעלינס אַמאָק־לויפער

איבערגעלייענט מיט גרויס אינטערעס דאָס נייעסטע בוך פון מאיר יעלין: „די מיראַזשן פונעם אַמאָק־לויפער אָסקאַר גריק", אַרויסגעגעבן דורכן ה. לייוויק־פאַרלאַג ביים פאַריין פון יידישע שרייבערס אין ישראל. מאיר יעלין געהערט צו דער גרופּע סאָוועטיש־יידישע שרייבערס, וואָס האָבן די לעצטע יאָרן עולה געווען קיין מדינת ישראל און האָבן שוין באַוויזן דאָרט אַרויסצוגעבן אַ גרויסע צאָל ווערק, וואָס זיי האָבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד נישט געקאָנט פאַרעפנטלעכן און אויך נייע שאַפונגען, מיט וועלכע זיי האָבן באַרייכערט אונדזער יידישע ליטעראַטור. אַליין אַן אָפּשטאַמיקער פון ליטע, האָט מאיר יעלין אַ סך געשריבן וועגן חורבן פון ליטווישן יידנטום אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. באַזונדער וויכטיק איז געווען זיין בייטראָג צום בוך וועגן זיין ברודער, דעם העלדישן פּאַרטיזאַנער־פירער פון קאָוונער געטאָ חיים יעלין, וועלכער איז אומגעקומען על קידוש השם.

מיט זיין איצטיקן בוך האָט מאיר יעלין, לויט מיר נאָך, דערגרייכט אַ נייעם שטאַפּל אין זיין ליטעראַרישן שאַפן. די טעמאַטיק איז די זעלבע: געטאָ, חורבן, געראַנגל פאַרן לעבן. אָבער די פּערסאָנאַזשן זענען אַנדערע, און אַן אַנדערע איז די טראַקטירונג פון דער טעמע, אָדער די קינסטלערישע ראַם אין וועלכער דער מחבר האָט זי איינגעפאַסט.

אָסקאַר גריק איז אַ פולשטענדיק אַסימילירטער ייד און אַזאַ איז אויך זיין פרוי מאַרגי. אַנטלאָפענע פון עסטרייך נאָכן אַנשלוס פון דער מדינה צום דריטן רייך, הערן זיי נישט אויף זיך צו באַטראַכטן ווי דייטשן און אַלס אַזעלכע טראָגן זיי זיך אַרום איבער אייראָפּע ביז די האַנט פונעם הענקער דערגרייכט זיי ערגעץ אין אַ ליטוויש־פּוילישער שטאָט. אָט־אָט זיך געזאָלט ווידער לאָזן אין וועג אַריין, נאָר די דייטשן זענען געווען פלינקער — באַנומען די שטאָט, ווו אָסקאַר און מאַרגי האָבן זיך געפונען.

וואָלט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז דער געלויף האָט זיך געענדיקט, נישטאָ מער קיין אויסוועג, אָבער נישט פאַר אָסקאַר גריק, דעם ענערגישן, פול מיט איינפאַלן, אַסימילירטן ייד, וואָס איז אייגנטלעך אַ דאָפּלטער אַמאָק־לויפער, אַ פיל מער טראַגישער ווי יענער, פון סטעפאַן צווייגס באַרימטער נאָוועלע, וואָס ער דערמאָנט זיך, זיצנדיק אין די קעלערן פון געסטאַפּאָ. פון יענער ליידנשאַפטלעך־ווייפולער געשיכטע... ווייסט ער, אָסקאַר גריק, אַז דאָס אַמאָק־לויפעניש איז אַ מאַניע, אַ האַלוצינאַציע, אַ טראַנס אַזאַ. אין אַן איבערגעזעטיקטער לופט מיט טערפּקער דושנעקייט און הייסער שטיקעניש ווערט דער מענטש באַזעסן פונעם אַמאָק־טשאַד. עס דריקט, עס יאָגט, עס טרייבט ערגעץ דעם באַנומענעם מענטש, וואָס זוכט זיך צו ראַטעווען."

לויפט ער, אָסקאַר גריק און מיט אים זיין מאַרגי. ער לויפט פונעם היטלערישן מערדער און ער פּרוּווט אויך אַנטלויפן פון זיך אַליין, פון זיין יידישן שטאַם. „מיר וועלן אין געטאָ נישט גיין!" —

---

דער פעטער האָט נישט דערלאָזט, צי וואָלט ער מיט טעמערלען נישט געווען קיין פּאַסיקער זיווג?

ניין, טראַכט ר' צלאל, מען טאָר זיך נישט מייאש זיין... דער אויבערשטער וועט זיך מרחם זיין...

* * * * *

„ברוקלין" האָט אמונה! ס'איז אַ לעבעדיקער ווינקל פון דער נייער אַמעריקאַנער פרומער יידישקייט, וואָס ליזער טרייסטער האָט געוואָלט פאַראייביקן אין אַ צייטלעכן ראָמאַן.

רופט אויס אָסקאַר גריק צו זיין פּרווי מאַרגי, ווען יידן פון די אַרומיקע גאַסן שלעפּן זיך מיט זייער לעצטן ביסל האָב און גוטס אינעם אָפּגעשלאָסענעם געטאָ אַריין. — „נישט מיר גלייבן אין זייער גאָט, נישט מיר רעדן זייער שפּראַך, נישט מיר האַלטן זיך ביי זייערע טראַדיציעס. בלוט, אָפּשטאַם, ראַסע, זענען אויסטראַכטענישן פון מיזאַנטראָפּן...״

געלינגט אים, אָסקאַר גריקן, אויף אַ וויִל בלויז, אויסצומיידן די געפאַרן. ער אַרבעט פאַר די דייטשן, מיט די דייטשן אויף דער באַן־סטאַציע, אָרגאַניזירט אַ שאַפּ ווו מען פּראָדוצירט וואַרעמע קליידער פאַרן פראָנט און... ווי נאָר מעגלעך העלפט ער יידן, וועלכע מען ברענגט פון געטאָ צו דער אַרבעט. מיט ציין און נעגל קעמפט ער פאַרן לעבן, אָסקאַר גריק, אָבער אין גרונט גענומען זענען עס אַלץ מיראַזשן. מיראַזשן פונעם אַמאָק־לויפער וועמענס געלויף מוז האָבן אַ טראַגישן סוף. און ער קומט, דער טראַגישער סוף, נאָך אַ לעבן פון שווערן געראַנגל מיט זיך אַליין, מיט דער וועלט, מיטן גורל. ער קומט מיט איין פעדער־שטריך פונעם היטלעריסטישן אויספאָרשער: „פונעם וואָרט יודענפאַרדאַכט״ אין דער באַשולדיקונגס־רובריק מעקט ער אויס מיט אַ רויטן טינט־בלייער די ענדערונג „פאַרדאַכט״, שטרייכט צוויי מאָל אונטער מיט דיקן רויט דאָס געבליבענע וואָרט „יודע״ און דאָס איז דער אורטייל.

פאַר דער אומגעוויינלעכער געשיכטע פון אָסקאַר גריקס לעבן און טויט, אָדער פון זיין אַמאָק־לויף האָט מאיר יעלין געפונען, ווי שוין דערמאָנט, אַ נישט געוויינלעכע קינסטלערישע ראַם. דער מחבר באַנוצט זיך דאָ מיט די דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער, היינט־צייטיקער פּראָזע און בויט זיין דערציילונג אויף צוויי פלאַכן. דער געוויינלעכער פלוס פון דער נאַראַציע ווערט פון צייט צו צייט איבערגעריסן דורך די מיראַזשן פונעם העלד. ער רעדט צו אונדז אין דער ערשטער פּערזאָן, ווי ער וואָלט אונדז איבערלאָזן זיין טראַגישן גביית עדות. מיר באַקענען זיך מיט אָסקאַר גריקן אין געסטאַפּאָ־צימער, ווו ער וואַרט מען זאָל אים אַרויסרופן צום אויספאָרשער און פון דאַנען מאַכן מיר דורך צוזאַמען מיט אים, אין רעטראָספּעקציע, דעם גאַנצן געראַנגל צווישן לעבן טויט, ביזן לעצטן זייטל פונעם בוך. און לסוף ווייסן מיר נישט: איז אָסקאַר גריק אַ העלד? אַ טראַגישע פיגור? און אפשר ביידע?

# „קאָלאָנעל זשיל״
# פון משה זאַלצמאַן

וואָס שייך קאָלאָנעל זשיל, דעם יידישן בחור פון זאַמאָשטש, וועמען דער פּאַריזער שרייבער משה זאַלצמאַן האָט געווידמעט אַ מאָנאָגראַפיע, קאָן גאָר קיין ספק נישט זיין. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ ווירקלעך העראָישער געשטאַלט, אַן אמתן פאָלקס־העלד. הגם משה זאַלצמאַן שילדערט דעם לעבנס־וועג פון זיין בן־עיר יוסף עפּשטיין — דעם שפּעטערדיקן קעמפער אין שפּאַנישן בירגערקריג און קאָמאַנדיר פון די ווידערשטאַנדכוחות אין פּאַריז און פּאַריזער ראַיאָן בעת דער היטלער־אָקופּאַציע — „קאָלאָנעל זשיל״ — מיט דער אָביעקטיווקייט פון אַ כראָניקער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מאָנאָגראַפיע, קומט אויף פאַר אונדז אַ פּערזענלעכקייט פון אויסערגעוויינלעכן מוט און אינערלעכער גרויסקייט.

דער מחבר באַגרענעצט זיך אָבער נישט בלויז צום אַרויסברענגען די העלדן־טאַטן פון יוסף עפּשטיין - קאָלאָנעל זשיל — הגם בלויז אויפן סמך פון זיי קאָן אָנגעשריבן ווערן אַ גרויסער ראָמאַן — נאָר ער וויזט אים אויפן פאָן פון דער סביבה — פון דער יידישער סביבה אין דער היימשטאָט זאַמאָשטש, פון דער סטודענטיש־רעוואָלוציאָנערער סביבה אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן און אין פראַנקרייך, און צווישן די קעמפערס אין שפּאַניע און פּאַריז. און דער עיקר — עס האָט זיך איינגעגעבן משה זאַלצמאַנען צו באַווייזן ווי אַזוי די סביבה פון יידישן זאַמאָשטש, די געבוירן־שטאָט פון איינעם פון די פאָרגייער פון אונדזערע קלאַסיקער שלמה עטינגער און פון י. ל. פּרץ, האָט געלייגט איר חותם אויפן יונגן יוסף עפּשטיין, דעם שפּעטערדיקן קאָלאָנעל זשיל.

דו לייענסט די קורצע מאָנאָגראַפיע

(סך־הכל 68 זייטלעך) און ס'איז שווער זיך צו באַפרייען פון דאַנקבאַרקייט צום מחבר משה זאַלצמאַן, וועלכער האָט, אַרויסהייבנדיק די געשטאַלט פון קאָלאָנעל זשיל, אַנטפּלעקט פאַר אונדז נאָך איין קאַפּיטל פון יידישן העלדנמוט אין די צייטן פון גרעסטן נסיון. ביינאַנד מיט יוסף עפשטיינען וויזט אונדז דער מחבר אויך אַנדערע יידישע העלדן פון פראַנצויזישן אונטערגרונט, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן אין קאַמף קעגן היטלער־פאַשיזם — גאַנץ אָפט אונטער פרעמדע נעמען — און זייערע יידישע נעמען זענען פאַרגעסן געוואָרן.

יוסף עפשטיין איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצי־מערדערס דעם 11טן אַפּריל 1944, דריי שעה פאַר דער עקזעקוציע האָט ער באַוויזן אָנצושרייבן און אַרויסשיקן אַ בריוו צו זיין פרוי און קליינעם זון. „כ'וועל פאַלן מיט מוט, מיין טייער קינד — שרייבט קאָלאָנעל זשיל — פאַר דיין גליק און פאַרן גליק פון אַלע קינדער און אַלע מוטערס.

„פאַרבאַהאַלט פאַר מיר אַ קליין ווינקעלע אין האַרץ, אַ גאָר קליין ווינקעלע, בלויז פאַר מיר. פאַרגעס נישט דיין פאָטער."

אַ דאַנק דעם שרייבער משה זאַלצמאַן וועלן אויך מיר נישט פאַרגעסן דעם העלדישן זון פון אונדזער פאָלק — יוסף עפשטיין — קאָלאָנעל זשיל.

## „שאַריי"—פון ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן

איך ווייס נישט ווי עס איז ביי אַנדערע דיכטער, נאָר מיט מיר טרעפט עס אָפט, אַז איך שרייב אַ ליד אין חלום, אָדער איך חלום אַ ליד. וואָלט איך געהאַט פּאַפּיר און פעדער אונטערן קישן — ווער ווייסט וואָס פאַר אַ לידער עס וואָלטן ביי מיר אַרויסגעקומען... אָבער חלומען אַ ליד פון אַ צווייטן דיכטער — דאָס טרעפט זיך מיר זעלטן. און געטראָפן האָט עס זיך די לעצטע נאַכט נאָכן איבערליינען דאָס בוך פון ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן — „שאַריי". געליינט האָב איך עס, איבערגעחזרט וואָרט ביי וואָרט, דערציילנדיק וועגן דעם מיינעם אַ פריינד, אַ ניו־יאָרקער.

„אַ צייכן אויפן אויטאָשטראָז:
צען מייל קיין ניו־יאָרק.
געל. די אותיות פלאַמען.
זאָל עס זיין אַ דערמאָנען
נישט איינצודרימלען,
צי אַ וואָרענונג:
פאָרט קריק?!"

(אַ וואָרענונג", זייט 82)

ניין, די „וואָרענונג" געהערט נישט צו די בעסטע לידער אינעם בוך און נישט מחמת זיין קינסטלערישער שלימות האָט עס זיך פאַרקריצט אין מיין אונטערבאַוווסטזיין. איך בין זיך משער, אַז געשען איז ער דערפאַר, ווייל בעתן לייענען עס (אויף דער חאָר) האָב איך געטראַכט, אַז אָט דאָס ליד איז זייער און זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר ביילע שעכטער־גאָטעסמאַנס ליריק, פאַר איר סטיל, וואָס צייכנט זיך אויס מיט געוואַלדיקן צימצום, אינערלעכער אָנגעלאָדנקייט פונעם וואָרט און בילד און מיט רמזים אַנשטאָט דירעקטער קאָמוניקירונג.

לאָמיר פּרוּוון בקיצור צעגלידערן די „וואָרענונג":

„אַ צייכן אויפן אויטאָשטראָז:
צען מייל קיין ניו־יאָרק.
געל. די אותיות פלאַמען."

דריי שורות בלויז און אויבנאויפיק גאַנץ פּראָזאַישע שורות. די ערשטע צוויי פירן אונדז אַריין אין דער דריטער בילדלעכער שורה און צוזאַמען לעבן זיי אויף פאַר אונדזערע אויגן דעם געאייל פון אויטאָס אויף די וועגן קיין ניו־יאָרק און אויף אַלע אַנדערע וועגן, וואָס פירן צו די גרויסע שטעט אין אַמעריקע. און באַלד קומט די אויפלייזונג:

די פלאַמיקע אותיות זענען (אפשר) אַ דערמאָנונג נישט איינצודרימלען, צי אַ וואָרענונג: פאָרט קריק...

וויפל לידער זענען שוין געשריבן געוואָרן וועגן דער ריזן־שטאָט ניו־יאָרק — טייל מיט באַגייסטערונג, אַנדערע מיט שוידער פאַר דעם שטאָט־מאָנסטער מיט אירע וואָלקנקראַצערס און שטענדיקן טומל. פאַר ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן איז גענוג בלויז צוויי ווערטער — „פאָרט קריק", און איר ווייסט שוין וואָס זי האָט אייך צו קאָמוניקירן וועגן ניו־יאָרק. דאָס איבעריקע קאָנט איר זיך אַליין דער־

טראַכטן און דאָס דערטראַכטע בילד דרינגט אַריין אין אייער באַוווּסטזיין און אונטערבאַוווּסטזיין און לאָזט אייך לאַנג נישט צורו. אַזאַ איז די קראַפט פונעם עכטן פּאָעטישן וואָרט!

ווי עס איז צו זען פוןביילע שעכטער־גאָטעסמאַנס נייעסטער לידער־זאַמלונג „שאַריי" קומט איר נישט לייכט־אָן דער גערעאַנגל פאַר אָט דעם עכטן פּאָעטישן וואָרט. זי פאַרטרויט זיך דערוועגן אינעם „איינוואָרטיק ליד" (זייט 10):

„כ'וואָלט געשריבן אַ ליד/וואָס זאָל
האַלטן איין וואָרט / מער ניט.. /
נאָר דערווייל/געפּטערט וויפל רייד/
צוליב דעם איינוואָרטיקן ליד,/וואָס
שוין יאָרן אַז איך / פאַרנעם זיך /
שטילערהייט דערמיט."

עס איז מסתמא נישט קיין צופאַל, וואָס גלייך נאָך דעם „איינוואָרטיק ליד" קומען אין דער זאַמלונג צוויי לידער געווידמעט דעם פּראָזע - מייסטער דוד בערגעלסאָן. איך האָב דעם איינדרוק אַז אונדזער דיכטערין איז שטאַרק אונטערן איינדרוק פון דוד בערגעלסאָנס פּראָזע, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן יעדן מין באַריידעוודיקייט און ווו דער צימצום דערגרייכט ביז עקסטרעמקייט. טרעפט איר טאַקע ביי בערגעלסאָנען צוויי־דריי ווערטערדיקע זאַצן וואָס איבעראַשן אייך מיט דער פאַרגאַנצטקייט פונעם בילד. צייטנווייז געלינגט עס אויך אונדזער דיכטערין. דערביי איז פאַר איר כאַראַקטעריסטיש אַ מין שפּילעוודיקייט און עקספּערימענטירונג מיטן וואָרט. איר קאָנט עס בולט זען אינעם ליד „אויף דער ראָזעווער גאָס" (זייט 34), ווו שוין די פיגוראַטיווע פאַנאַנדערשטעלונג פון די ווערטער מאַכן אייך זען און פילן דעם טאַנץ פון לאָמפּן און פאָרלעך מיט צעגליטע פּנימער...

אָדער נעמט דאָס ליד „שאַריי" לויט וועלכן עס איז אויך דער נאָמען פונעם בוך. איך ווייס נישט צי אין דער בוקאָווינע, פון וואַנען די דיכטערין שטאַמט, איז עס אַן אָנגענומענע באַצייכענונג פאַר „קאַיאָר, פאַרטאָג", ווי די דיכטערין דערקלערט עס אינעם גלאָסאַר. מען דאַרף זיבער האָבן דעם מוט פון אַ וואָרט־אינאָוואַטאָר אָנצורופן אַזוי אַ בוך און מאַכן וואונדערן יעדן לייענער, וואָס איז נישט אירער אַ לאַנדסמאַן. מיר דאַכט אָבער, אַז דער „שאַריי" איז ביי ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן נישט סתם אַ קאַפּריז, נאָר ער פילט אויס אינעם ליד אַ באַשטימטע פונקציע:

„מיטן זילבער־קולעכל פון אַ פויגל
פּישטשעט אַריין דער שאַריי
דורך די שויבן."

דער סאַמע קלאַנג פונעם וואָרט שאַריי דערמאָנט אייך אין אַ פויגל (למשל — סאָלאָוויי), און דערפאַר איז עס מער נאַטירלעך וואָס עס פּישטשעט אַריין דורך די שויבן מיט אַ זילבער־קולעכל, ווי ווען די דייכטערין זאָל אונדז זאָגן, אַז דער קאַיאָר אָדער דער פרימאָרגן פּישטשעט...

בכלל איז דאָס לידער־בוך פון ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן פרימאָרגנדיק, דערפרישנדיק. אפילו אינעם אָפּטייל וואָס באַהאַנדלט אומדירעקט דעם חורבן — „נאָך אַלץ אין אונטערערד־קאַנאַלן" — דאָמינירט גלויבן און האָפענונג:

„וואָס איז דאָס פאַר אַ פאָלק אַווינס —
וואונדערקינד צווישן פעלקער,
אַזאַ מיקראָב פון לעבן
פערמענט פון שאַפן.
טראָגט אין מאַרעך
געצייכנט זיין גורל
פון איבערלעבן
אַלע בייזע מעדוזע־קעפּ?!

וואָס איז דאָס פאַר אַ
וואונדערלעך,
געטלעך,
קליין־מענטשלעך פאָלק?!
(„אַ פאָלק אַזוינס", זייט 75-

און הגם איר געפינט אינעם בוך נישט וויניק לידער פאַרצויגענע מיט אַ וואָל פון טיפן אומעט, לידער וואָס דערמאָנען אייך אין דער איינזאַמקייט, אַליינקייט פונעם מענטש אין דער מאָדערנער, היינטצייטיקער טעכנישער ציוויליזאַציע: „כ'בין אַליין. ניין, אַליינער" (זייט 43-, אָדער: „קיין היימיש וואָרט ליבשאַפט, חברשאַפט ווער, ווען אַיין אַ ליין". (זייט 106) — איז דאָך גוט צו פאַרברענגען מיט דער דיכטערין אין איר ליד פון וועלכע עס קוועלט מיט קלוגער שפּילעוודיקייט און גוטער האָפענונג.